UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Di Toybe Shtil (the Deaf Silence)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3qt800xs

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Yair (Yair), Ish (Ish)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

איש יאיר / מאָנטרעאָל

# די טויבע שטיל

דער האַרבסט זעצט זיך זוניק, באַזאַכט.
אַ צאַרטע שטיפמאַמע, פאַרנאַכט,
פאַרנאַרט אונדז צום אייביקן שלאָף.
וואָס מלויעט עס, רויעט עס, נאַגט עס,
ביים לעפל פון האַרץ?
ווער איז עס דער מייסטער אויף שוואַרץ
וואָס פאַרבלענדט מיך מיט שטראַלן־געבלענד?
אַ טרוקענער מדבר — מיין ברוסט.
ווי דיונעס פון בריאיקן זאַמד
הויערט די שטומקייט אין איר.
ווער וועט דורכרייסן די טויבע שטיל?
ווער וועט פאַרדרייען די גליאיקע קנויט,
אָפּקערן דעם חלפדיקן בליאַשטש?
איך שעפּטשע קוים:
„דיין פּנים זע איך נישט..."
דו רייסט זיך צו מיר.
דו שושקעסט
אין מענטשלעכן וואָרט,
אין פינקל פון אויג,
אין בלעטער־גערויש.
אין מורמל פון שטראָם,
קוים־קוימיקן ריר
פון גראָז און געוויקס.
איך זע עס נישט.
עס זעטיקט נישט מיין בענקעניש,
איך הער עס נישט.
לעשט נישט זשאַר פון דאַרשטעניש
נאָך זוניקייט און זיניקייט
פון דיין זיין אין מיר.
רייסט זיך דאָך אַ וואָרט אַרויס,
טריפט אַראָפּ אַ טרער,
איז מיר לינדער שוין —
ס'האָט אַראָפּגעקאַטשעט זיך
דער שווערסטער שטיין פון שטומיקייט.
אַ יעמערלעך געוואָי
פליִיצט אויך פון קוועלכל פרייד.
ווער־זשע האָט מיין טרער פאַרגליוערט,
און מיין וואָרט — געטייט?